בעזהשי"ת

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

‹ ‡ n– r• 'ju ˜ q– r– r

תשע"ח

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**

**www.breslevcenter.com**

לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

**דאווענען מיט מנין ברענגט פרנסה בריווח, ווי אויך אז די קינדער זאלן אויפוואקסן ערליך.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת שלח, כ׳ סיון, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

אז דו וועסט גיין אין שול דאווענען דריי מאל א טאג, שחרית מנחה מעריב מיט מנין וועסטו נישט קרעכצן אזוי אויף פרנסה; מוהרא״ש פלעגט שטענדיג זאגן: ״אז מען דאווענט מיט מנין וועט מען האבן געלט״. אויב דו ביסט אויפגעשטאנען שפעט און עס איז שוין נישט דא קיין מנינים - מיט דעם אלעם זאלסטו מקפיד זיין צו דאווענען נאר אין שול, אזוי ווערט גע׳פסק׳עט אין שלחן ערוך (אורח חיים, סימן צ, סעיף ט), אז מען זאל דאווענען אין בית המדרש.

דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות תפילה, סימן לו): ״מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ בֵּית הַכְּנֶסֶת, וְאֵינוֹ נִכְנָס לְשָׁם לְהִתְפַּלֵּל, גּוֹרֵם גָּלוּת לְבָנָיו״, ווער עס האט שול אין זיין שטאט און ער גייט נישט אין שול דאווענען ברענגט ער אז זיינע קינדער זאלן דארפן גיין אין גלות; דאס איז א מאמר חז״ל (ברכות ח.), לכאורה דארף מען פארשטיין, וואס האט צו טון גיין אין שול מיט דעם אז די קינדער זאלן נישט גיין אין גלות? נאר מען קען זאגן פשוט, אז די קינדער זעען ווי דער טאטע גייט נישט אין שול וועלן זיי אויך נישט גיין אין שול, וועלן זיי האבן א גלות לעבן; ווייל אז די קינדער האבן נישט קיין טאטע וואס איז זיי מחנך און גייט מיט זיי דאווענען וועלן זיי האבן א גלות לעבן, זיי וועלן זיך וואלגערן אין די גאסן רחמנא לצלן.

זיי געזונט, איך דארף לויפן צו די בחורים.

...

~~~~~~~~~~

**נישט אהיימברענגען דעם סמארטפאון אין שטוב!**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת שלח, כ״א סיון, שנת תשע״ח לפ״ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

ברענג נישט אהיים דיין טעלעפאן וואס דו דארפסט האבן פאר די ארבעט ווייל עס קען דיר חרוב מאכן דיין גאנצע שטוב; אז דו דארפסט האבן א סעלפאון פאר די שעות וואס דו ארבעטסט - דאס איז איין זאך, און דאס דארף אויך זיין געפילטערט וכו׳, אבער ווען דו גייסט אהיים זאלסטו עס נישט אהיים ברענגען. דאס האט שוין חרוב געמאכט אסאך שטובער פון קאפ ביז פוס; שפעטער ווען מען כאפט זיך איז זייער ביטער.
~~~~~~~~~~

איך האף אז דו וועסט מיר פאלגן, וועט דיר גוט זיין.

...

~~~~~~~~~~~

**איבער די פלעי "די פארלוירענע בת מלך"; די חלום וואס איז פארווירקלעכט געווארן - "מוסדות היכל הקודש ברסלב" אין וויליאמסבורג; די געוואלדיגע עצות פון הייליגן רבי'ן געבט א נייע לעבן פאר א מענטש.**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת שלח, כ"ב סיון, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

היינט נאכט קומט פאר די פלעי וואס די מיידלעך פון "בית פיגא" שטעלן פאר; זיי גייען אויסשפילן די ערשטע מעשה פון סיפורי מעשיות, פון די אבידת בת מלך, זע אז דיין ווייב זאל קענען קומען. די פלעי וועט זיין סיי היינט דינסטאג, און אויך מארגן מיטוואך; זיי מפרסם פאר אלעמען אז עס לוינט זיך צו קומען. אלע וועלן אהיים גיין מיט התחזקות, דאס וועט זיין די פרויען צוזאמקום די חודש.

גיי דערצייל פאר איינעם אפאר יאר צוריק אז עס וועט קומען א צייט וואס מיר וועלן קענען מחנך זיין אונזערע קינדער מיטן רבינ'ס מעשיות און מיט זיינע לימודים, ער וואלט געלאכט פון דיר... אבער ברוך השם מיר האבן זוכה געווען, מיר האבן דערלעבט צו זען ווי אונזערע קינדער לעבן מיטן רבי'ן, זיי וואקסן אויף מיט א חינוך וואס וועט זיי באגלייטן זייער גאנץ לעבן.

ווען מיר האבן דערציילט פאר מוהרא"ש אז מיר האבן געקויפט א באס פאר די תלמוד תורה האט מוהרא"ש געשמייכלט און דערציילט: "יארן צוריק האט זיך דער וואס האט געפירט די ברסלב'ער שטיבל אין וויליאמסבורג אפגערעדט פאר מיר, אז עס איז נישט דא קיין מנין ברסלב'ע אידן, האב איך אים מחזק געווען אז מען דארף אנגיין אפילו עס איז שווער; מיר זענען געשטאנען אין גאס און איך האב אים דעמאלט געוויזן אויף א קינדער באס וואס איז אריבער געפארן, אז נאך אביסל וועלן ארום פארן באסעס אויף געשריבן דערויף: 'תלמוד תורה ברסלב', האט מיר יענער געזאגט: 'איר חלומ'ט בהקיץ, עס וועט קיינמאל נישט זיין אזא זאך', אבער ברוך השם - האט מוהרא"ש אויסגעפירט - אז דער חלום איז מקוים געווארן און מיר האבן שיינע מוסדות וואו מיר קענען מחנך זיין אונזערע קינדער מיטן רבינ'ס עצות".

איך דאנק דעם אייבערשטן אז מיר האלטן שוין דא, מיר האבן א חדר, א ישיבה מיט א סקול וואו די קינדער וואקסן אויף מיטן רבינ'ס עצות, מיר זענען מקיים וואס דער
~~~~~~~~~~~

רבי האט געזאגט (שיחות הר"ן, סימן רט): "אייערע קינדער זאלט איר מודיע זיין וואס דא האט זיך גיטאן", און ר' נתן שרייבט (שם) אז דער רבי האט עס געזאגט מיט א מורא'דיגע ברען און מיט א התלהבות; זעט מען פון דעם דאס גרויסקייט פון מחנך זיין די קינדער שוין פון יונגווייז אן צו לעבן מיטן אייבערשטן. ברוך ה' אז מיר האבן זוכה געווען אז מיר קענען מחנך זיין אונזערע קינדער צו לעבן מיטן רבי'ן און זיך פירן אזוי ווי דער רבי האט געוואלט.

האסט אודאי מיט געהאלטן וואס עס האט זיך געטון פאריגע וואך דא אין שטאט, ווי מען איז מחנך קינדער מיט מחלוקת און גאוה, "איך, איך און נאכאמאל איך"; ברוך השם אונזערע קינדער איז מען מחנך זיין מיט תפילה והתבודדות, זיי זאלן וויסן אז וואס זיי דארפן זאלן זיי נאר בעטן דעם אייבערשטן.

זיי מפרסם די פלעי פאר דיין משפחה, חברים און שכנים, זאלן מענטשן הערן די מעשיות פון רבי'ן.

דער הייליגער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שמ): "זיי זאלן מיר הערן איין תורה מיט דעם ניגון און מיטן טאנץ, וואלט די גאנצע וועלט אויסגעגאנגען"; היינט נאכט וועט מען הערן די תורה מיטן טאנץ! מען וועט אויפשפילן די מעשה פון די פארלוירענע "בת מלך", ווי דער רבי לערנט אויס מען זאל נישט אויפגעבן אפילו מען פאלט אראפ נאכאמאל און נאכאמאל.

ווער עס הערט דעם רבינ'ס ווערטער, זיינע עצות און התחזקות - ווערט אן ערליכער איד און הייבט אן בענקען צום אייבערשטן. און אפילו ער פאלט אראפ שרייט ער צום אייבערשטן פון דארט.

מען קען נישט מסביר זיין פאר איינעם וואס האט נאך נישט טועם געווען פון רבינ'ס עצות, וואס דער רבי געבט אונז; די גאנצע לעבן ווערט געטוישט צום גוטן, מען הייבט אן לעבן מיטן אייבערשטן א גאנצן טאג.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

**א תודה והודאה פארן אייבערשטן פאר די מוסדות היכל הקודש; די הרהורי תשובה און התחזקות וואס מען האט אהיימגענומען פון די פלעי "די פארלוירענע בת מלך"; מסיבת חומש סעודה; חינוך הייבט זיך אן ביי זיך; "יעדע זאך וואס מען פועל'ט מיט שלעכטן, וואלט מען גרינגער געקענט פועל'ן מיט גוטנ'ס".**
~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת שלח, כ״ג סיון, שנת תשע״ח לפ״ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

מיין הארץ איז פול מיט לויב און דאנק פארן אייבערשטן אז מיר האבן זוכה געווען צו האבן מוסדות וואו מיר קענען מחנך זיין אונזערע קינדער מיטן הייליגן רבינ׳ס לימודים אויפן וועג ווי אזוי מוהרא״ש האט עס אונז איבער געגעבן, א מוסד וואו מיר קענען אריין באקן אין די קינדער פון זייער יוגענט אמונה פשוטה, זיי זאלן לעבן מיטן אייבערשטן; ״אִלּוּ פִינוּ מָלֵא שִׁירָה כַּיָּם, וּלְשׁוֹנֵנוּ רִנָּה כַּהֲמוֹן גַּלָּיו, וְשִׂפְתוֹתֵינוּ שֶׁבַח כְּמֶרְחֲבֵי רָקִיעַ, וְעֵינֵינוּ מְאִירוֹת כַּשֶּׁמֶשׁ וְכַיָּרֵחַ, וְיָדֵינוּ פְרוּשׂוֹת כְּנִשְׁרֵי שָׁמַיִם, וְרַגְלֵינוּ קַלּוֹת כָּאַיָּלוֹת - אֵין אֲנַחְנוּ מַסְפִּיקִים לְהוֹדוֹת לְפָנֶיךָ״ - אז מיר האבן א ריינע ווינקעלע פאר אונזערע קינדער.

נעכטן נאכט האבן די מיידלעך פארגעשטעלט א פלעי: ״די פארלוירענע בת מלך״. דער רבי הייבט אן די מעשה מיט די ווערטער (סיפורי מעשיות, מעשה א): ״אין וועג האב איך דערציילט א מעשה וואס ווער עס האט געהערט די מעשה האט געהאט א הרהור תשובה״; אלע וואס האבן געזען די פלעי האבן געהאט א הרהור תשובה, אלע צוקוקער זענען אהיים אנגעפילט מיט חיזוק אז עס איז אייביג דא א וועג ארויס פון יעדע פראבלעם.

זונטאג וועט אם ירצה ה׳ פארקומען א חומש סעודה אין ישיבה פון די כתה א׳ קינדער; ווער האט געקענט אמאל טראכטן אז מיר וועלן האבן אזא שיינע תלמוד תורה וואו קינדער וואקסן אויף מיט אמונה פשוטה; א תלמוד תורה וואס די קינדער האבן ליב צו קומען אין חדר, קינדער וואס לעבן מיטן רבי׳ן און קינדער וואס גייען הפצה; דארפן מיר ווייטער בעטן דעם אייבערשטן: ״עַד הֵנָּה עֲזָרוּנוּ רַחֲמֶיךָ, וְלֹא עֲזָבוּנוּ חֲסָדֶיךָ ה׳ אֱלֹקֵינוּ, וְאַל תִּטְּשֵׁנוּ ה׳ אֱלֹקֵינוּ לָנֶצַח״, ער זאל אונז ווייטער העלפן מיר זאלן קענען מגדל זיין אונזערע קינדער מיטן הייליגן רבינ׳ס לימודים.

היינט נאכט וועלן די מיידלעך נאכאמאל פארשטעלן די ״פארלוירענע בת מלך״; זע אז דיין ווייב זאל קומען און מיטהאלטן די פלעי, זע אז דיינע טעכטער זאלן קומען; עס לוינט זיך אפילו צו קומען און צו פארן פון ווייט צו קענען זען וואס דער רבי האט געזאגט פאר איבער צוויי הונדערט יאר צוריק (חיי מוהר״ן, סימן רכט; שו): ״מיין פייערל וועט טליען ביז משיח וועט קומען״; מען זעט ווי די קינדער וואקסן אויף מיטן רבי׳ן, עס איז א לעבעדיגע רבי, א לעבעדיגע סיפורי מעשיות; דאס וועט בלייבן איינגעקריצט אין זיי א גאנץ לעבן.

חינוך הייבט זיך אן ביי זיך; א מענטש דארף זיך אליינס מחנך זיין צו גיין אין שול דאווענען דריי מאל א טאג, שחרית מנחה און מעריב מיט מנין. א קינד זעט ווי אזוי זיין טאטע פירט זיך אויף, און אויב דער טאטע איז מזלזל אין דעם, ער קומט שפעט אין שול ווען מען האלט שוין טיף אינמיטן דאווענען און ער רעדט אין שול, ברענגט דאס אריין אין די קינדער א זלזול צו תפילה און א זלזול צו דאווענען מיט מנין. פארשטייט זיך אז עלטערן כאפן נישט וואס זיי טוען, ווייל ביי זיך אין קאפ טראכט דער טאטע: "וואס איז שוין? מיינע קינדער זענען דאך נאך יונג וכו", אבער שפעטער ווען די קינדער ווערן עלטער אינטערעסירט זיי נישט קיין שול, קיין מנין און קיין דאווענען רחמנא לצלן.

דאס זעלבע איז ביי קיום המצוות; אז דו ווערסט זיך אנגרייטן "נעגל וואסער" וועלן דיינע קינדער אויך זיין ערליך, זיי וועלן זיך פירן מיט יראת שמים און זיך אויך אנגרייטן נעגל וואסער. א טאטע וואס איז מזלזל אין תפילין און אין ציצית, וועלן די קינדער אויך מזלזל זיין אין דעם, אזוי אויך פארקערט, א טאטע וואס בענטשט שטענדיג אין א בענטשער, וועלן דיינע קינדער אויך אזוי טון; א טאטע וואס יעדע זאך איז ביי אים כשר, ער געבט נישט אכטונג אויף א גוטער הכשר, וועלן די קינדער עסן נבילות וטריפות רחמנא לצלן.

איך בעט דיר זייער, געב אכטונג נישט צו שרייען און טשעפען דיינע קינדער; געדענק וואס דער רבי האט געזאגט: "יעדע זאך וואס מען פועל'ט מיט שלעכטן, וואלט מען גרינגער געקענט פועל'ן מיט גוטנ'ס", אסאך מאל מיינט מען אז מען וועט שרייען וכו' אויף די קינדער וועלן זיי פאלגן, דארף מען געדענקען וואס דער רבי זאגט, אז מיט גוטן וואלט מען אסאך גרינגער און שנעלער גע'פועל'ט.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**זיך שטארקן צו גיין הפצה; א מפיץ איז גאר א מכובד'יגע פאסטן; מיר דארפן פאלגן דעם רבי'ן וואס האט אונז צוואה געלאזט צו גיין הפצה; א מפיץ איז א ריכטיגער "מקיים עולם מלא".**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת שלח, כ"ד סיון, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך וויל וויסן אויב דו ביסט עוסק אין הפצה.
~~~~~~~~~~~

מיין גאנצע התקרבות צום הייליגן רבי'ן איז נאר געקומען פון הפצה. פאר פופצן יאר צוריק שנת תשס"ד לפרט קטן האב איך באקומען פון א מפיץ א קליין ספר'ל: "אשר בנחל", און דאס האט געטוישט מיין לעבן; ברוך השם אז דאס האט גורם געווען אז מיר זאלן עפענען די ישיבה וכו' וואס דאס האט געטוישט דאס לעבן פון זייער אסאך מענטשן.

קוק נישט אן הפצה ווי א פארשעמטע זאך; א מפיץ איז ווי א הצלה מאן, עס איז נאר דא קיין חילוק, אז דער הצלה מאן לויפט ראטעווען די גוף פון א איד, און דער מפיץ ראטעוועט די נשמה פון א איד.

אז מיר זענען דא ביים רבי'ן דארפן מיר פאלגן דעם רבי'ן; דער רבי הייבט אן די מעשה פונעם חיגר (סיפורי מעשיות, מעשה ג): "מעשה, אמאל איז געווען א חכם, פאר זיין טויט האט ער גערופן זיינע קינדער און זיין משפחה, און האט זיי געלאזט צוואה אז זיי זאלן 'אנטרינקעןביימער'; איר מעגט עוסק זיין אין אנדערע פרנסות אויך, נאר דאס זאלט איר זען שטענדיג צו טון: 'אנטרינקען ביימער'"; מוהרא"ש איז דאס מסביר (בספר נהרי אפרסמון) אז דאס גייט ארויף אויף מקרב זיין מענטשן צום אייבערשטן. ווייל א מענטש איז צוגעגליכן צו א בוים, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (דברים כ, יט): "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה", און מען דארף עס אנטרינקען מיט אמונה.

ווען דו זאלסט וויסן וואס הפצה איז, וואלסטו עוסק געווען אין הפצה מיט דיין גאנצע כח און מח! ווען מען געבט א ספר פאר א מענטש וואס איז שוין ביי זיך אפגע'פסק'עט אז ער קען שוין נישט האבן קיין תקנה, און ער זוכט נאר ווי אזוי ער קען ענדיגן זיין לעבן השם ישמרינו, פלוצלינג קומט צו גיין א מפיץ און ער באקומט פון אים א ספר, א סידי, אדער א קארטל מיט א נאמבער וואו ער קען רופן און הערן חיזוק - דורכדעם האסטו פשוט געראטעוועט דאס לעבן פון א מענטש, און דאס איז אזוי ווי דו האסט ממש אויפגעשטעלט אן עולם מלא.

איךווארט צו הערן פון דיר אויב דו ביסט עוסק אין הפצה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

**סגולות פאר א שידוך**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת שלח, כ"ד סיון, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר**
~~~~~~~~~~~

עס וואונדערט מיר צי דו לערנסט נאך דיינע שיעורים כסדרן; איך האב דיר שוין לאנג נישט געזען, איך בענק מיך נאך דיר זייער שטארק.

איך פריי מיר צו הערן פון ... נרו יאיר אז דו העלפסט די מוסד און דו האסט געגעבן פאר די רענט פון חודש ... למספרם ...; אין דעם זכות זאלסטו טרעפן דיין שידוך בקרוב.

דער רבי זאגט (ספר המידות, אות חיתון, סימן ו): "מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִווּגוֹ, יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לִקְרוֹת בְּקָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", וועם עס גייט שווער צו טרעפן א שידוך זאל זאגן אסאך די "קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", פון (במדבר ז, א): "וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן", ביזן סוף; וואס דאס איז די קריאה וואס מען לייענט חנוכה, עס איז געדרוקט אין יעדע סידור ביי קריאת התורה, 'קריאה לחנוכה'; ווען מען ענדיגט דאס זאגן, בעט מען דעם אייבערשטן - יעדער איינער אויף זיין שפראך: **"רבונו של עולם, העלף מיר איך זאל זוכה זיין צו טרעפן מיין זיווג בזכות וואס איך האב געפאלגט וואס דער הייליגער רבי זאגט, אז מען זאל זאגן די קרבנות הנשיאים; העלף מיר באשעפער איך זאל שוין זוכה זיין צו טרעפן מיין זיווג, עס איז מיר אזוי שווער צו זיין א פלג גוף, און עס איז מיר זייער שווער צו זיין ערליך ווען איך בין אליינס, איך וויל חתונה האבן וכו' וכו'".**

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

**מ'קען נישט ענטפערן אויף מסירת נפש**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת שלח, כ"ד סיון, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד מיין טייערער ליבער ... נרו יאיר**

זיי נישט ברוגז אז איך האב דיר נישט געענטפערט אויף דיין שאלה; עס איז נישט קיין זאך וואס איך קען דיר ענטפערן אויף דעם, מען קען נישט זאגן פאר א צווייטן זיך צו מוסר נפש זיין.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן זאלסט טון וואס איז ריכטיג פאר דיר, דיין ווייב און פאר דיינע קינדער.

האברך ... נרו יאיר האט מיר איבער געגעבן אז דו האסט געגעבן פאר די רענט פון חודש ... למספרם זעקס הונדערט איין און פערציג דאללער; אין זכות וואס דו העלפסט די מוסד זאלסטו זוכה זיין צו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.
~~~~~~~~~~

...

~~~~~~~~~~~

**מיט תהלים און התבודדות, באקומט מען אלע ישועות**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת שלח, כ"ד סיון, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן ווי שטארק איך האב הנאה דיר צו זען ווי דו כאפסט זיך ארויף אין ישיבה יעדן טאג ווען דו האסט לאנטש און דו זאגסט תהילים.

וויסן זאלסטו אז אין תהלים ליגן אלע ישועות, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", ווער עס וויל תשובה טון זאל זאגן תהילים; ר' נתן פלעגט זאגן יעדן טאג דעם 'יום תהילים', אז מען זאגט יעדן טאג דעם יום ענדיגט מען יעדע וואך גאנץ תהילים.

דער הייליגער רבי האט אונז געגעבן א מתנה וואס הייסט 'התבודדות'; אז א מענטש זאל גיין אין א פלאץ וואו קיינער איז נישט דארט און זיך אויסרעדן זיין הארץ צום אייבערשטן אויף זיין אייגענע שפראך, ער זאל פארציילן פארן אייבערשטן אלעס וואס גייט אריבער אויף אים. ווען א מענטש זאגט פארן אייבערשטן אז ער וויל זיין ערליך; ער וויינט צו אים: **"רבונו של עולם, וואס זאל איך טון אז דער יצר הרעווארפט מיר אראפ נאכאמאל און נאכאמאל? וויפיל מאל איך נעם זיך פאר צו זיין וואויל פאל איך נאכאמאל אראפ!"** דורכדעם נעמט ער אראפ פון זיך אלע עונשים; דער אייבערשטער איז אים מוחל און נעמט אים צוריק.

איך פריי מיר צו הערן אז דו העלפסט די מוסד און דו האסט געגעבן פאר די רענט פון חודש ... למספרם ...; אין דעם זכות זאלסטו טרעפן דיין שידוך בקרוב.

יעדעס מאל דו האסט אפאר פרייע מינוט אדער א טאג וואס דו ארבעטסט נישט קום ארויף אין ישיבה, טינק דיך איין אינעם רבינ'ס קוואל. דער הייליגער רבי זאגט (חיי מוהר"ן, סימן שלב): "אֲנִי נָהָר הַמְטַהֵר מִכָּל הַכְּתָמִים", איך בין א טייך וואס רייניגט פון אלע שמוציגע פלעקן; אז מען קומט צו א פלאץ וואו מען רעדט נאר פון רבי'ן איז מען זוכה צו שיינע זאכן, אלע פלעקן און אלע עבירות ווערן אפגעוואשן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...
~~~~~~~~~~~

~~~~~~~~~~

**זאלסט האבן גע'פועל'ט אלעס גוטס ביים ציון**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת שלח, כ"ד סיון, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

זאלסט האבן גע'פועל'ט אלעס גוטס.

מוהרא"ש שרייבט אין די צוואה (סימן ד): "מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים אוֹיבּ אִיר וֶועט בּוֹיעֶן אַן אוֹהֶל אוֹיף מַיין קֶבֶר. אִיר זָאלְט דָאס בּוֹיעֶן דַוְקָא מִיט אַ גֶעהֶערִיגֶע פַארְמַאכְטְן דַאךְ, אַז וֶוער עֶס וֶועט וֶועלְן פּוֹעֶלְ'ן עֶפֶּעס אַ יְשׁוּעָה, אַ רְפוּאָה, אָדֶער סַיי וָואס, זָאל קֶענֶען אַהִין קוּמֶען מִתְפַּלֵל זַיין אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ זַיין פַאר אִים אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר אוֹיבְן אִין הִימְל. אוּן סְפֶּעצִיעֶל מַיינֶע קִינְדֶער אוּן מַיינֶע תַּלְמִידִים וֶועלְכֶע לֶערְנֶען מַיינֶע סְפָרִים, אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן קוּמֶען מִתְפַּלֵל זַיין בַּיי מַיין קֶבֶר, וֶועלְן זֵיי זִיכֶער גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט וָואס זֵיי דַארְפְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זֵיי גֶעבְּן אַלֶע יְשׁוּעוֹת וָואס זֵיי דַארְפְן"; איז דאך זיכער אז דו - וואס דו האסט געהאלפן די ישיבה מיט אזא מסירות נפש און מיט אזא געטריישאפט - וועט מוהרא"ש זיין א מליץ יושר, פאר דיר און פאר דיין ווייב און קינדער. אויך ביסטו געווען אין אומאן ביים הייליגן רבי'ן, וועט דער רבי דיר געבן הצלחה אין דיינע וועגן, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט: "ביי וועם איך נעם - געב איך".

האברך ... נרו יאיר האט מיר איבער געגעבן אז דו האסט געגעבן פאר די רענט פון חודש ... למספרם ...; אין זכות וואס דו העלפסט די מוסד זאלסטו זוכה זיין צו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

איך האף אז דו וועסט מיר ווייטער העלפן דאס יאר מיטן אהער שטעלן א קעמפ; איך ווייס אז עס איז דיר שווער געווען אלע יארן, אבער טראכט אריין וואס דו האסט באקומען פון ישיבה; אלעס וואס דו האסט היינט אין דיין לעבן איז פון ישיבה.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן שטענדיג געדענקען וואס דער רבי האט מיט אונז געטון, און צו וואס ער ברענגט אונז.

זיי געזונט.

...

~~~~~~~~~~

**מיט גוטנס איז מען מער מצליח**

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת שלח, כ״ה סיון, שנת תשע״ח לפ״ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

זיי מקרב דיין ברודער ... נרו יאיר; ער איז א טייערער בחור אבער דיינע עלטערן רודפ׳ן אים וכו׳.

א ברודער קען אמאל ראטעווען מער ווי אלעמען; רוף אים צו דיר אויף שבתים, און נעם אים מיט דיר פון צייט צו צייט פארברענגען (פארשטייט זיך מיט די פולע הסכמה פון דיין ווייב), אזוי וועט מען אים קענען ראטעווען. ווייל אין שטוב כאפט ער נאר קולות; מען לאזט אים ממש נישט אטעמען. אז ער שטייט נאר אויף אביסל שפעט שלאגט מען אים השם ישמרינו, אנשטאט מען זאל זיך פרייען אז ער קומט נאך אהיים; אנדערע בחורים אנטלויפן אינגאנצן רחמנא לצלן.

א שאד אז עלטערן ווייסן נישט ווי אזוי צו רעדן צו קינדער; ווען מען דארף רעדן רעדט מען נישט, און ווען מען קען שוין נישט רעדן דעמאלט וועקט מען זיך אויף און מען מאכט אלעס קאליע... חינוך הייבט זיך נישט אן ביי די בר מצוה, חינוך הייבט זיך אלץ קליינע קינדער; ווען קינדער זענען נאך קליין דעמאלט דארף מען ארויס נעמען פון זיי זייערע שלעכטע מידות, אזוי וועלן זיי שפעטער אויך פאלגן. אויב מען האט געלאזט די קינדער אויפוואקסן אן קיין חינוך, און ווען זיי האבן זיך מתחצף געווען קליינערהייט איז דאס געווען זיס און קיוט, דעמאלט וועלן זיי שפעטער זיין גרויסע עזות פנים׳ער.

האברך ... נרו יאיר האט מיר איבער געגעבן אז דו האסט געגעבן פאר די ישיבה פאר חודש מאי למספרם הונדערט דאללער; אין זכות וואס דו העלפסט די מוסד זאלסטו זוכה זיין צו האבן הצלחה אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**אז מ׳טוט תשובה איז מען זייער חשוב ביים אייבערשטן**

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת שלח, כ״ה סיון, שנת תשע״ח לפ״ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן ווי חשוב דו ביסט ביים אייבערשטן; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות לד.): ״בְּמָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִים - שָׁם אֵין צַדִּיקִים גְּמוּרִים יְכוֹלִים לַעֲמֹד״, א בעל תשובה איז זייער חשוב ביים אייבערשטן; דערפאר, אז דו האסט
~~~~~~~~~~~

אנגעהויבן היטן שבת קודש, וועט דיר דער אייבערשטער מוחל זיין אויף אלע דיינע עבירות וואס דו האסט עובר געווען, ווייל ווען מען היט שבת איז דער אייבערשטער מוחל אויף אלע עבירות (שבת קיח:).

בעט דעם אייבערשטן דו זאלסט קענען קומען לערנען אינעם הייליגן רבינ׳ס ישיבה, וואס דאס איז באמת א ׳ישיבה׳, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב׳, סימן ה): פארוואס רופט מען א ישיבה מיטן נאמען ׳ישיבה׳? "כְּשֶׁיֵּשׁ רַבִּי אֲמִתִּי עִם תַּלְמִידִים, עַל יְדֵי זֶה נִתְקַבֵּץ וְנִתְלַקֵּט חֶלְקֵי הָאֱמוּנָה", ווייל דער אמת׳ער צדיק לערנט מיט זיינע תלמידים אמונה, ער לייגט איין אין זיי אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, "וְעַל כֵּן נִקְרָא לִמּוּד הָרַב עִם הַתַּלְמִידִים יְשִׁיבָה, עַל שֵׁם קִבּוּץ חֶלְקֵי הָאֱמוּנָה, כִּי הָרַב הוּא מַשְׁגִּיחַ עַל חֶלְקֵי הָאֱמוּנָה שֶׁל כָּל אֶחָד וְאֶחָד, וּלְהַעֲלוֹתָם", אזוי ווי עס שטייט (תהלים קא, ו): "עֵינַי בְּנֶאֶמְנֵי אֶרֶץ לָשֶׁבֶת עִמָּדִי" ׳לָשֶׁבֶת עִמָּדִי׳ איז ׳יְשִׁיבָה׳, עיין שם; זעט מען אז אויב עס איז דא א פלאץ וואו מען לערנט מיט תלמידים אמונה - דאס איז א ישיבה, אבער אז מען לערנט נישט קיין אמונה מיט די תלמידים איז דאס נישט קיין ישיבה. כאטשיג עס שטייט אויפגעשריבן אויפן בנין "ישיבה ..." אבער א ישיבה איז נאר וואו מען לייגט אריין אמונה אין די תלמידים.

דעריבער זאלסטו בעטן דעם אייבערשטן דו זאלסט קענען קומען לערנען ביים הייליגן רבינ׳ס ישיבה; מיט תפילה קען מען אלעס פועל׳ן.

ביז דערווייל פרוביר זיך צו שטארקן מיט אלע כוחות; רעד נישט קיין ניבול פה חס ושלום און טשעפע נישט קיינעם אזוי וועסטו זיך איינקויפן א גוטע נאמען, און דו וועסט טרעפן דיין זיווג בקרוב.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

**יישר כח פאר׳ן העלפן פאר די פלעי, מיט תפלה קען מען זיך דערהאלטן**

**בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת שלח, כ"ה סיון, שנת תשע"ח לפ"ק**

**לכבוד ... נרו יאיר**

א גרויסן יישר כח פארן העלפן אהער שטעלן די פלעי אזוי שיין; געב איבער אויך א דאנק פאר דיין ווייב תחי׳ וואס זי האט אזוי געטריי געהאלפן אז אלעס זאל קלאפן.
~~~~~~~~~~~

עס איז געווען א קידוש השם צו זען ווי יונגע מיידלעך רעדן אזוי אפען פון אמונה; די גאנצע פארשטעלונג איז געווען געשטעלט אויף איין זאך: "אמונה, אמונה, און נאכאמאל אמונה".

מיינע משפחה מיטגלידער שתחיו זענען געווען ביי די פלעי, זיי זאגן אלע: "אזאנס האבן זיי נאך נישט געזען אין זייער לעבן". איך האב א שוועסטער וואס איז געקומען צו פארן פון לעיקוואד - א וועג פון צוויי שעה מיט צו האלטן די פלעי; אלע זאגן זיי אז זייער גאנצע לעבן איז דער רבי, זייער גאנצע התחזקות איז נאר דעם רבינ'ס דיבורים.

דעריבער וויל איך דיר שטארקן דו זאלסט מיר ווייטער העלפן; סיי מיט מלמדות, סיי מיט דעם וואס דו נעמסט צוזאם די קינדער ביי שלש סעודות צו זינגען מיט זיי צוזאמען און סיי מיט יעדע זאך וואס מען דארף נאר עפעס הילף שטייסטו מיר צו מיין האנט; בעט איך דיר דו זאלסט מיר ווייטער שטיין צו הילף.

בעט דעם אייבערשטן דו זאלסט זיך נישט אפשוואכן; נאר מיט תפילה קען מען זיך דערהאלטן, אזוי ווי מוהרא"ש טייטשט דעם מאמר חז"ל (ברכות כו:): "אֵין עֲמִידָה אֶלָּא תְּפִילָה"; זאגט מוהרא"ש, מען קען נישט בלייבן שטיין נאר מיט תפילה, דאס הייסט: "אֵין עֲמִידָה" - מען קען זיך נישט דערהאלטן, "אֶלָּא תְּפִילָה" - נאר מיט תפילה; אז מען איז מתפלל, מען מאכט התבודדות און מען געדענקט וואס דער רבי טוט מיט אונז, מען געדענקט ווי אזוי מען האט אויסגעזען אן דעם רבי'ן, דעמאלט קען מען זיך דערהאלטן.

איך האף אז דיין ווייב וועט ממשיך זיין קומענדיגע יאר צו זיין א לערערין פאר אונזערע קינדער; איך ווייס אז עס איז שווער, אוי ווי איך ווייס... איך טו דאס שוין כמעט פופצן יאר, איך זיץ מיט קינדער און בחורים, איך ווייס גאנץ גוט ווי שווער עס איז, אבער אז מען טראכט אריין זעט מען אז די גאנצע וועלט מוטשעט זיך, עס איז נישט דא בזה העולם א מענטש וואס זאל זיך נישט מוטשען, אזוי ווי עס שטייט (איוב ה, ז): "אָדָם לְעָמָל יוּלָּד קְצַר יָמִים וּשְׂבַע רֹגֶז", א מענטש איז באשאפן געווארן זיך צו מוטשען, דאס לעבן איז קורץ און פול מיט ווייטאג, אזוי אויך זאגט שלמה המלך (קהלת ב, כג): "גַּם כָּל יָמָיו כַּעַס וּמַכְאוֹבוֹת", דאס גאנצע לעבן איז פול מיט כעס און ווייטאג; דער איינציגסטער זאך וואס מען קען טון, אז מען נעמט דעם פלאג און מען טוט דערמיט גוטע זאכן, אז מען שטעלט אויף תלמידים און תלמידות, מען איז מחזק אידישע קינדער, וועט כאטש איבער בלייבן פון דעם פלאג גוטע זאכן; א צווייטער לייגט אריין זיין פלאג אין ביזנעס וכו', פון דעם וועט גארנישט איבערבלייבן.

האברך ... נרו יאיר האט מיר איבער געגעבן אז דו האסט געגעבן פאר די רענט פון חודש ... למספרם ...; אין זכות וואס דו העלפסט די מוסד זאלסטו זוכה זיין צו האבן הצלחה אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

קומען צום שיעור גמרא, נישט רעדן ביים דאווענען

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת שלח, כ״ה סיון, שנת תשע״ח לפ״ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

א שאד אויף דיר אז דו קומסט נישט אינדערפרי לערנען דעם דף גמרא; מוהרא״ש זאגט: ״אז מען לערנט א בלאט גמרא אינדערפרי, דאס איז דער חיות פונעם טאג, דאס ברענגט שפע אויפן מענטש, און דאס מאכט מען זאל זיין דבוק צום אייבערשטן״.

איך האב דיר שוין געזאגט א לאנגע צייט צוריק אז אויב דו וועסט זיך מקבל זיין נישט צו שמועסן ביים דאווענען פון אנהייב ביזן סוף וועסטו האבן פרנסה בריווח; זעט אויס אז שמועסן ביים דאווענען איז דיר וויכטיגער ווי אהיים ברענגען ברויט פאר דיין ווייב און קינדער. זיי נישט נאריש, נעם זיך פאר פון היינט נישט צו רעדן ביים דאווענען וועסטו זען ווי דו וועסט האבן פרנסה בריווח.

איך ווארט דיר צו זען אינדערפרי ביי די גמרא שיעור.

...

~~~~~~~~~~~

מ׳דארף אכטונג געבן אויפ׳ן געזונט

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת שלח, כ״ה סיון, שנת תשע״ח לפ״ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

א גרויסן דאנק פארן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש פיר הונדערט און צוואנציג דאללער; בזכות די צדקה זאל נמתק ווערן פון דיר אלע דינים על ידי פלא עליון שהיא רחמים גדולים, און דו זאלסט זיין געזונט און שטארק.

איך בעט דיר זייער, געב אכטונג אויף דיין געזונט! צוקער איז נישט קיין קינדער שפיל; אז דער דאקטער זאגט דיר אז דו דארפסט אכטונג געבן אויף דיין געזונט, דארפסטו דאס נעמען ערנסט אן חכמות. איך רעד צו דיר איין מאל און נאכאמאל, און

איך זע אז דו כאפסט נישט אין וואסערע סכנה דו געפונסט זיך. מיר האבן א מצוה פונעם אייבערשטן צו היטן אויפן געזונט (דברים ד, טו): "וְנִשְׁמַרְתֶּם מְאֹד לְנַפְשֹׁתֵיכֶם".

א איד איז געקומען צום רבי'ן מזכיר זיין איינער פון זיין משפחה וואס איז געווען זייער קראנק לא עלינו, האט דער רבי אים געזאגט ער זאל זאגן שיר השירים, וְאָמַר: "שֶׁכָּל הָרְפוּאוֹת שֶׁבָּעוֹלָם כֻּלָּם כְּלוּלִים בְּשִׁיר הַשִּׁירִים", ווייל אלע רפואות פון דער וועלט ליגט אין שיר השירים, "וְכֵן הָיָה שֶׁתֵּכֶף הָיָה שִׁנּוּי לְהַחוֹלֶה וְחָזַר לְאֵיתָנוֹ", דער איד האט געפאלגט דעם רבי'ן און דער חולה האט געהאט א רפואה שלימה (שיחות הר"ן, סימן רמג).

...

~~~~~~~~~~~

## הדרכה פאר מיידלעך

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת שלח, כ"ה סיון, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד די חשוב'ע תלמידות פון בית פיגא ברסלב שתחיו.**

וויסן זאלט איר אז איר האט געמאכט א גרויסער קידוש השם מיטן אהערשטעלן א פלעי אזוי שיין און אזוי טאלאנטפול.

מיר האלטן אין איין באקומען גוטע גריסן אויף די מיידלעך פון בית פיגא, מענטשן זאגן: "מען זעט נישט מיידלעך זאלן זיין אזוי פרייליך און ערליך".

מיינע משפחה מיטגלידער שתחיו זענען געקומען צו די פלעי; מיין מאמע זאל זיין געזונט און שטארק זאגט מיר אז זי קען זיך נישט בארואיגן פון די פלעי, אויך האב איך א שוועסטער וואס איז געקומען צו פארן פון לעיקוואד - א וועג פון צוויי שעה צו פארן - צו זען די פלעי, נאר ווייל איר לעבן און איר גאנצע חיות איז נאר פונעם רבי'ן.

דעריבער וויל איך ענק מחזק זיין איר זאלט זיך ווייטער פירן מיט דרך ארץ; איר ווייסט דאך אודאי אז ביים רבי'ן איז געווען א יסוד "דרך ארץ". דער רבי האט געזאגט: "ווען קעניגן וואלטן געוואוסט וואסערע דרך ארץ איך לערן אויס פאר מיינע תלמידים, וואלטן זיי געשיקט זייערע קינדער צו מיר איך זאל זיי אויסלערנען דרך ארץ"; אז מען פירט זיך אויף מיט דרך ארץ אין שטוב צו די עלטערן און אין שולע צו די טיטשערס - דאס איז א ריכטיגע תלמידה פון בית פיגא און דאס הייסט א תלמידה פון היכל הקודש.

רעדט נאר מיט מיידלעך וואס רעדן שיינע און איידעלע זאכן; אויב א חבר'טע רעדט פון נישט איידעלע זאכן זאלט איר זיך זוכן אן אנדערע פרענד. דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות ניבול פה, סימן ג): "בַּעֲוֹן נִבּוּל פֶּה", דורך די עבירה פון רעדן ניבול פה, "צָרוֹת וּגְזֵרוֹת מִתְחַדְּשׁוֹת", קומען צרות און נייע גזירות; "וּבַחוּרֵי יִשְׂרָאֵל מֵתִים חַס
~~~~~~~~~~~

וְשָׁלוֹם", יונגע קינדער שטארבן חס ושלום, "וִיתוֹמִים וְאַלְמָנוֹת צוֹעֲקִים וְאֵינָם נַעֲנִין", נאך זאגט דער רבי (שם, סימן ד): "הַמְנַבֵּל פִּיו, אֲפִילוּ חוֹתְמִין עָלָיו גְּזַר דִּין שֶׁל שִׁבְעִים שָׁנָה לְטוֹבָה, הוֹפְכִין עָלָיו לְרָעָה", ווער עס רעדט ניבול פה, אפילו מען האט אים פארזיגלט א גוטע גזירה פאר זיבעציג יאר, צערייסט מען די גוטע גזירה און ער ברענגט אויף זיך שלעכטס, "גַּם מַעֲמִיקִין לוֹ גֵּיהִנּוֹם", אויך אז מען רעדט ניבול פה מאכט מען זיך טיפער דעם גיהנום.

דערפאר בעט איך אייך אלע טייערע תלמידות פון בית פיגא, פאר ענקער טובה וועגן: רעדט נישט מיט פרענדס, שכנים, משפחה - נישט איידעלע שמועסן, ווייל אפילו מען רעדט נישט קיין ניבול פה, נאר מען הערט בלויז ווי מען רעדט ניבול פה איז אויך זייער ביטער, אזוי ווי דער רבי זאגט (שם): "גַּם לַשּׁוֹמֵעַ וְשׁוֹתֵק", נישט נאר דער וואס רעדט ניבול פה באקומט די נישט גוטע זאכן, נאר אויך דער וואס הערט און שווייגט. נאך זאגט דער רבי (שם, סימן ה): "חָמוּר הָאוֹמֵר בְּפִיו מִן הָעוֹשֶׂה מַעֲשֶׂה", דער וואס רעדט ניבול פה, מען פארציילט א מעשה וואס איז נישט איידל וכו', איז נאך פיל ערגער ווי דער וואס האט געטון די מעשה; זעט מען וואסערע צרות מען ברענגט אויף זיך ווען מען רעדט ניבול פה.

איר קענט זיך נישט פארשטעלן וואספארא נחת רוח איר מאכט פאר מוהרא"ש מיט דעם וואס איר זענט ערליך און צניעות'דיג; נאך אביסל וועט איר אלע טרעפן גוטע שידוכים און איר וועט אויפשטעלן ערליכע שטובער לויטן רבי'ס וועג.

הערט זיך צו צו אייער טיטשער מרת ... תחי', וואס זי זאגט זאלט איר פאלגן. מרת ... תחי' איז א מתנה פאר אונזער סקול; די גאנצע פלעי איז איר צו פארדאנקען און די גאנצע סקול שטייט אדאנק אירע כוחות. איר זענט גליקליך צו האבן אזא מנהלת און אזא טיטשער ווי מרת ... תחי', דעריבער זאלט איר אויסהערן וואס זי לערנט מיט אייך, וועט אייך זיין גוט אויף דער וועלט און אויף יענע וועלט.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

# ~~~ שאלות ותשובות ~~~

**ווען מ'מאכט א סיום פון זאגן משניות, דארף מען זאגן דעם "הדרן עלך"?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

א גרויסן יישר כח פאר די געוואלדיגע שיעורים און די שאלות ותשובות, דאס ראטעוועט מיר ממש דאס לעבן, דער אייבערשטער זאל אייך געבן ווייטער די כוחות אנצוגיין מיט די הייליגע ארבעט.

איך וואלט געוואלט פרעגן אויב ווען מ'זאגט משניות דארף מען אויך מאכן א געהעריגע סיום, און זאגן דעם הדרן עלך, אדער נאר אויב מען לערנט געהעריג משניות דארף מען מאכן א סיום. און אויך אויב מען מאכט א סיום אויף יעדע סדר משניות, אדער נאר ווען מ'ענדיגט גאנץ ששה סדרי משנה.

ש'כח נאכאמאל, רפאל

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת שלח, כ' סיון, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד רפאל נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואס מיינט לערנען געהעריג? ווען הייסט געהעריג געלערנט און ווען הייסט נישט געהעריג געלערנט?

דער הייליגער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן מו): "אֲנִי יָכוֹל לְהַרְאוֹת לַלַּמְדָן הַגָּדוֹל שֶׁבַּגְּדוֹלִים שֶׁעֲדַיִן אֵינוֹ יָכוֹל לִלְמֹד כְּלָל וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ כְּלָל", איך קען ווייזן פארן גרעסטן למדן אז ער קען נישט לערנען, און ווייסט בכלל נישט וואס מיינט לערנען, "וְכֵן לְהֶפֶךְ, אֲנִי יָכוֹל לְהַרְאוֹת לְהַקְּטַנִּים שֶׁקְּרוֹבִים לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּלְהַתּוֹרָה וְכוּ'", און אזוי אויך פארקערט, איך קען ווייזן פארן קלענסטן מענטש אז ער איז זייער נאנט צום אייבערשטן און צו די תורה.

אז מען איז זוכה און מען איז מסיים א סדר משניות איז דאס זייער א גרויסע זאך, דאס בלייבט מיטן מענטש אויף אייביג און נאר דאס וועט מען מיט נעמען אויף יענע וועלט, נישט קיין חילוק צי מען האט פארשטאנען וואס מען האט געלערנט אדער מען האט געלערנט אן פארשטיין. דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן כו): "וְדַע שֶׁלֶּעָתִיד מַזְכִּירִין אֶת הָאָדָם כָּל מַה שֶּׁלָּמַד, אַף אִם שָׁכַח", אויף יענע וועלט דערמאנט מען די נשמה אלעס וואס זי האט געלערנט און פארגעסן, "גַּם בְּנֵי אָדָם הַשּׁוֹמְעִים הַתּוֹרָה שֶׁל הַצַּדִּיק הָאֱמֶת

וְאֵינָם מְבִינִים אוֹתָהּ", אזוי אויך, אויב מען האט נישט פארשטאנען וואס מען לערנט, "לֶעָתִיד - בָּעוֹלָם הַבָּא - יָבִינוּ", וועט מען אויף יענע וועלט זוכה זיין דאס צו פארשטיין, "כִּי עִקַּר הַתּוֹרָה הִיא לְהַנְּשָׁמוֹת", ווייל דער עיקר וואס מען לערנט תורה איז פאר די נשמה, "שֶׁבָּעוֹלָם הַבָּא יִהְיוּ הַנְּשָׁמוֹת בְּקִיאִים וּמַשִּׂיגִים הֵיטֵב אֶת הַתּוֹרָה שֶׁלָּמַד וְשָׁמַע הָאָדָם בָּעוֹלָם הַזֶּה", אז אויף יענע וועלט זאלן די נשמות פארשטיין די תורה וואס זיי האבן געלערנט אויף דער וועלט, "אַשְׁרֵי הַמְבַלֶּה יָמָיו בְּתוֹרָה וַעֲבוֹדָה הַרְבֵּה", וואויל איז דער מענטש וואס פארברענגט זיינע טעג און יארן מיט תורה און מיט עבודת השם.

בנוגע צו זאגן דעם "הַדְרָן עֲלָךְ" מיט די תפילות וכו'; דער רבי האט דערציילט (שבחי הר"ן, סימן י) אז ווען ער איז געווען יונג האט ער געזוכט אין אלע ספרים וואו עס איז דא תפילות, בקשות און תחינות. דער רבי האט געזאגט: "שֶׁכָּל הַמִּינֵי בַּקָּשׁוֹת שֶׁבָּעוֹלָם שֶׁנִּמְצָאִים בְּאֵיזֶה סֵפֶר שֶׁיִּהְיֶה הַמָּצוּי בֵּינֵינוּ, הַכֹּל כַּאֲשֶׁר לַכֹּל, לֹא הִנִּיחַ שׁוּם תְּחִנָּה וּבַקָּשָׁה שֶׁלֹּא אֲמָרָהּ כַּמָּה וְכַמָּה פְּעָמִים", יעדע תפילה און בקשה וואס איז דא אין ספרים האט דער רבי געזאגט זייער אסאך מאל, "הֵן תְּהִלִּים, וְסֵפֶר שַׁעֲרֵי צִיּוֹן, וְהַבַּקָּשׁוֹת הַנִּדְפָּסִים בְּהַסִּדּוּרִים הַגְּדוֹלִים וּשְׁאָר מִינֵי בַּקָּשׁוֹת וּתְחִנּוֹת", סיי די תהילים, סיי די תפילות פון ספר שערי ציון, און אלע תפילות וואס זענען געדרוקט אין די גרויסע סידורים, "וַאֲפִילוּ הַתְּחִנּוֹת הַנִּדְפָּסִים בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז", אזוי אויך די אידישע תחינות, "כֻּלָּם לֹא הִנִּיחַ מִלְּאָמְרָם", קיין שום תפילה האט ער נישט אויסגעלאזט, אדרבה ער האט געזוכט ווי מער צו זאגן און בעטן דעם אייבערשטן אז ער וויל זוכה זיין צו זיין אן ערליכער איד, צו לערנען וכו'. און ר' נתן פירט אויס די שיחה: "וְזֶהוּ הָעִקָּר, מַה שֶּׁהוֹעִיל לוֹ לִזְכּוֹת לְמַה שֶּׁזָּכָה", דורך דעם האט ער זוכה געווען צו וואס ער האט זוכה געווען.

דעריבער אז מען איז זוכה און מען איז מסיים א סדר משניות אדער א מסכתא אין ש"ס, איז זיכער גוט מען זאל זיך אויסבעטן ביים אייבערשטן: "לָא נִתְנַשֵׁי מִינָךְ סֵדֶר ... וְלֹא תִּתְנַשִׁי מִינַן, לָא בְּעָלְמָא הָדֵין וְלֹא בְּעָלְמָא דְאָתֵי", איך זאל דיר נישט אפלאזן, און דו זאלסט מיר נישט אפלאזן - נישט אויף די וועלט און נישט אויף יענע וועלט; נאכדעם בעט מען דעם אייבערשטן: "הַעֲרֵב נָא ה' אֱלֹקֵינוּ, אֶת דִּבְרֵי תּוֹרָתְךָ בְּפִינוּ וּבְפִיפִיּוֹת עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל", מאך זיס די תורה פאר מיר, פאר מיינע קינדער און פאר גאנץ כלל ישראל. און מען בעט דעם אייבערשטן: "יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹקַי, כְּשֵׁם שֶׁעֲזַרְתַּנִי לְסַיֵּם סֵדֶר ... כֵּן תְּעַזְרֵנִי לְהַתְחִיל מַסֶּכְתּוֹת וּסְפָרִים אֲחֵרִים וּלְסַיְּמָם, לִלְמֹד וּלְלַמֵּד לִשְׁמֹר וְלַעֲשׂוֹת וּלְקַיֵּם אֶת כָּל דִּבְרֵי תַלְמוּד תּוֹרָתְךָ בְּאַהֲבָה, וּזְכוּת כָּל הַתַּנָּאִים וְאָמוֹרָאִים וְתַלְמִידֵי חֲכָמִים יַעֲמֹד לִי וּלְזַרְעִי שֶׁלֹּא תָמוּשׁ הַתּוֹרָה מִפִּי וּמִפִּי זַרְעִי וְזֶרַע זַרְעִי עַד עוֹלָם", איך בעט דיר אייבערשטער, אזוי ווי דו האסט מיר געהאלפן אז איך האב מסיים געווען ... אזוי

זאלסטו מיר העלפן איך זאל זוכה זיין אנצוהייבן נאך שיעורים און זיי ענדיגן, איך זאל זוכה זיין צו לערנען די הייליגע תורה און אויך צו לערנען מיט אנדערע, און איך זאל זוכה זיין אפצוהיטן די תורה. און אין די זכות פון אלע תנאים און אמורים און תלמידי חכמים זאל איך און מיינע קינדער לערנען די הייליגע תורה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

**זינדיגן שאדט פאר די קינדער?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

אפשר קענט איר מיר ארויסהעלפן אין מיינע ביטערע נסיונות, וואס איך פאל אזויפיל דורך אין די הארבע עבירה פון פגם הברית, הוצאת זרע לבטלה, רחמנא ליצלן. איך וויל וויסן אויב דאס קען שאטן פאר קינדער.

יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת שלח, כ"ד סיון, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דו פרעגסט אויב א מענטש זינדיגט - צי עס שאדט פאר די קינדער; דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט געזאגט: "ווען א מענטש זינדיגט 'במחשבה' וועט ער ליידן צרות פון זיינע קינדער; "ווען א מענטש זינדיגט 'בדיבור' וועט ער ליידן צרות פון זיין ווייב, און ווען א מענטש זינדיגט 'במעשה' וועט ער ליידן צרות פון מענטשן".

וויסן זאלסטו אז אלע צרות וואס מען ליידט קומט צוליב עבירות רחמנא לצלן; ווען א מענטש זינדיגט אין פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן, באשאפט ער שלעכטע מלאכים וואס זיי לאזן אים נישט אפ, זיי באגלייטן אים זיין גאנץ לעבן ביז צום קבר. דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן קמא): "כְּשֶׁנִּפְטָר הָאָדָם, הֵם הוֹלְכִים אַחַר הַמִּטָּה", ווען דער מענטש גייט אוועק פון די וועלט דעמאלט קומען אלע קליפות און מזיקים וואס זענען באשאפן געווארן פון די עבירה און זיי באגלייטן דעם מענטש, "וּמְקוֹנְנִים עָלָיו, כְּמוֹ בָּנָיו מַמָּשׁ מִמִּין אָדָם", זיי קלאגן אויפן נפטר אזוי ווי די אייגענע קינדער, "רַחֲמָנָא לִצְלָן מֵעֳנָשִׁים הַלָּלוּ, כַּיָּדוּעַ", דער אייבערשטער זאל אונז
~~~~~~~~~~~

אפהיטן פון אזעלכע שרעקליכע עונשים, עיין שם; אבער אז דער מענטש טוט תשובה אויף אלע זיינע שלעכטע מחשבות, שלעכטע רייד און שלעכטע מעשים דעמאלט וועט ער שוין מער נישט ליידן קיין צרות.

דער רבי האט אונז געגעבן א וועג ווי אזוי מיר קענען זיך אומקערן צום אייבערשטן; דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה וכו'", ווער עס וויל זוכה זיין תשובה צו טון, זאל זאגן תהלים. יעדער איד וויל זיין אן ערליכער איד און טון דעם ווילן פונעם אייבערשטן, אבער נישט יעדער איז זוכה אויסצופירן זיין ווילן אויף למעשה ווייל ער האט נישט קיין התעוררות תשובה צו טון, און אפילו איינער וואס האט שוין יא אן התעוררות תשובה צו טון, ווייסט ער נישט ווי אזוי מען טוט תשובה, ער טראכט צו זיך: 'וואס דארף איך טון איך זאל ווערן אן ערליכער איד?' און אפילו א מענטש האט שוין יא אן התעוררות תשובה צו טון און ער ווייסט וואס ער האט צו טון כדי צו ווערן אן ערליכער איד, דארף ער נאך אויך זוכה זיין נישט ווערן צעבראכן ווען ער דערזעט זיך אז עס גייט אריבער די צייט און ער איז נאך נישט זוכה ארויסצוקריכן פון וואו ער ליגט וכו'; פירט דער רבי אויס: "וְעַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים, אֲפִילּוּ מִי שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, הוּא מִתְעוֹרֵר לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", אז א מענטש איז זוכה און ער זאגט תהלים, אפילו מען האט נישט קיין שום התעוררות, ווערט מען אבער נתעורר תשובה צו טון דורך דעם, "וְגַם זוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לְהַגִּיעַ אֶל הַשַּׁעַר וְאוֹת הַשַּׁיָּךְ לוֹ, וְלִפְתֹּחַ הַשַּׁעַר; נִמְצָא שֶׁזּוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", און מען באקומט די נויטיגע שטארקייט זיך צו דערהאלטן, ביז מען איז זוכה תשובה צו טון און ווערן אן ערליכער איד.

דעריבער פאלג דעם רבי'ן און זאג יעדן טאג תהילים, דורכדעם וועסטו זוכה זיין תשובה צו טון און פטור ווערן פון אלע עונשים קשים ומרים; דו וועסט נישט ליידן פון די קינדער, פון די ווייב און אויך נישט פון אנדערע מענטשן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

## זאל איך קויפן א דירה?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,
~~~~~~~~~~

איך האב זיך שואל עצה געווען מיט'ן ראש ישיבה שליט"א איבער קויפן א דירה, דער ראש ישיבה שליט"א האט מיר געזאגט איך זאל קויפן, למעשה איז אבער מיין פרנסה איז נישט עפעס אזוי גוט, איך מוטשע זיך אסאך, זאל איך טאקע אריינטאנצן אין חובות צו קויפן א דירה, אפילו איך ווייס נישט ווי אזוי איך וועל עס קענען באצאלן?

א גרויסן יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת שלח, כ״ד סיון, שנת תשע״ח לפ״ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וויסן זאלסטו, אויב א מענטש האט א רצון קען ער זייער שיין מצליח זיין, ווייל אלעס ווענדט זיך אין די ווילן פונעם מענטש. ״רצון ברעכט אייזן״; וואס א מענטש וויל מיט א שטארקייט וועט ער באקומען - סיי ברוחניות און סיי בגשמיות.

מיר זאגן דריי מאל א טאג ביים דאווענען (תהלים קמה, טז): ״פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי רָצוֹן״, דער אייבערשטער עפענט זיינע הענט און געבט פאר אלעמען א רצון; לכאורה, ווי קומט דא אריין רצון? מיר דארפן דאך עסן, עס וואלט ענדערש געדארפט שטיין: ״פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ, וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי ׳מָזוֹן׳״... ענטפערט מוהרא״ש, אז דערפאר שטייט ״רָצוֹן״, ווייל אויב א מענטש האט א רצון וועט אים דער אייבערשטער העלפן מיט וואס ער דארף; ער וועט האבן ׳מָזוֹן׳ און אלעס וואס ער וויל, ווייל אלעס ווענדט זיך אין די ווילן.

זע צו לערנען יעדן טאג א בלאט בבלי, א בלאט ירושלמי און א פרק תוספתא, דורכדעם וועסטו זוכה זיין צו האבן אן אייגענע דירה. מוהרא״ש זאגט אז ב׳בלי, י׳רושלמי, ת׳וספתא איז די ראשי תיבות ׳בי״ת׳; אז מען לערנט יעדן טאג די דריי לימודים בויט מען זיך א בית נצחי אויף יענע וועלט, אזוי אויך איז דאס מסוגל צו האבן א דירה דא בזה העולם.

שטארק דיר מיט אמונה אינעם אייבערשטן און נעם אריין דעם אייבערשטן אין דיין לעבן; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות סג.): ״כָּל הַמְשַׁתֵּף שֵׁם שָׁמַיִם בְּצַעֲרוֹ״, ווער עס נעמט אריין דעם אייבערשטן כביכול אין זיין צרה, ער דערציילט פארן אייבערשטן זיינע צרות און ער בעט דעם אייבערשטן אויף זיין שפראך ער זאל אים העלפן, ״כּוֹפְלִין לוֹ פַּרְנָסָתוֹ״, דאפעלט מען אים זיין פרנסה; דערפאר, אז דו וועסט זיך מחזק זיין מיט אמונה, דו וועסט בעטן דעם אייבערשטן ער זאל דיר העלפן מיט פרנסה און דו וועסט

**זיך פארלאזן אינגאנצן אויף אים, וועסטו זוכה זיין צו האבן פרנסה בשפע און א אייגענע הויז.**

**דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.**

...

~~~~~~~~~~~

**איך בין א בחור וואס מוטשעט זיך מיט שווערע נסיונות, ווי אזוי קען איך זיך שטארקן?**

## שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א ישיבה בחור, און איך מוטשע זיך זייער מיט מיין אידישקייט. איך פלעג ממש מחלל שבת זיין יעדע וואך רחמנא ליצלן, איך האב פיל געזינדיגט אין פגם הברית, געקוקט א גאנצן טאג שמוץ, און אפילו אום שבת רחמנא ליצלן.

מיט א יאר צוריק בין איך אנגעקומען צו אייערע שיעורים, און דאס האט מיר געטוישט דאס לעבן, איך בין געווארן א נייער מענטש, איך בין שוין געווען אין אומאן ביים רבי'ן צו נעמען א תיקון, און איך האב זיך אנגעהויבן פירן ווי עס דארף צו זיין, פאר די לעצטע יאר צייט.

לעצטנס האב איך אבער אנגעהויבן צוריק צו פאלן, איך האב אנגעהויבן ווייטער דורכצופאלן און קוקן שמוץ, און דאס ברענגט מיר צו פגם הברית. קיינער אין די וועלט ווייסט נישט פון דעם, נאר איך און דער אייבערשטער, איך בין אזוי צעבראכן פון דעם, איך וויין צום אייבערשטן יעדן טאג, יעדעס מאל וואס איך פאל דורך ווער איך זייער צעבראכן פון דעם, איך פיל זיך זייער זייער שלעכט, אבער יעדן טאג געווינט מיר דער יצר הרע נאכאמאל, איך קען זיך ממש נישט שטארקן איבער אים. אויך אין שמירת שבת בין איך אביסל צוריק געפאלן, און איך פיל אז איך האלט עס מער נישט אויס, אפשר קען דער ראש ישיבה שליט"א מיר געבן אן עצה ווי אזוי ארויסצוקריכן פון מיין בלאטע.

איך לערן אין א ישיבה וואס דער ראש ישיבה דארט רעדט נאר אז מ'זאל גיין מיט א הוט און רעקל, ער רעדט קעגן פליפ-פאונס און סענסעס, ער באפט נישט אז ער דארף פשוט רעדן פון שמירת שבת און פגם הברית.

איך האף דער ראש ישיבה שליט"א וועט מיר קענען ארויסהעלפן אין מיין שווערע מצב.

א גרויסן יישר כח

## תשובה:

**בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת שלח, כ"ד סיון, שנת תשע"ח לפ"ק**

**לכבוד הבחור ... נרו יאיר**
~~~~~~~~~~~

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן קכט): "וַאֲפִלּוּ כְּשֶׁנּוֹפְלִין לִפְעָמִים לְתוֹךְ רֶפֶשׁ וָטִיט, שֶׁקָּשֶׁה לוֹ מְאֹד לָצֵאת מִשָּׁם", אפילו מען פאלט אריין אין א בלאטע וואס עס איז שווער ארויס צו גיין דערפון, "צוֹעֲקִין, וְצוֹעֲקִין, וְצוֹעֲקִין, וְצוֹעֲקִין!" וְאָמַר בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן (ר' נתן ברענגט אראפ דעם לשון אין אידיש אזוי ווי דער רבי האט דאס געזאגט): "און אֲפִלּוּ אַז מֶען פַאלְט אִין אַ בְּלָאטֶע אַרַיין, שְׁרַייט מֶען, און מֶע שְׁרַייט, און מֶע שְׁרַייט"; דאס איז די עצה ווי אזוי מען קען ארויס קריכן פון עבירות, מען זאל שרייען צום אייבערשטן נאכאמאל און נאכמאל און נאכאמאל: "הֶעלְף מִיר טַאטֶע, נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע, נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת".

דערפאר, אז דו ביסט נעבעך אריין געפאלן אין א געדעכטע בלאטע, דו זינדיגסט אין פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן; נאכדעם איז עבירה גוררת עבירה - איין עבירה שלעפט דאס צווייטע, דאס שלעפט דיר נעבעך צו נאך עבירות, האסטו נאר איין עצה: "פאלג דעם רבי'ן", שריי צום אייבערשטן: "הֶעלְף מִיר טַאטֶע, נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע, נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת"; אזוי זאלסטו שרייען צום אייבערשטן ביז דו וועסט ארויס קריכן פון דיינע עבירות.

דורך די הייליגע תורה קען מען ארויס קריכן פון אלע עבירות; דער הייליגער ר' נתן זאגט (ליקוטי הלכות חכירות וקבלנות, הלכה ב, אות יב): "וַאֲפִלּוּ מִי שֶׁנָּפַל לְמָקוֹם שֶׁנָּפַל, וְהוּא רָחוֹק מְאֹד מֵהַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ עַל־יְדֵי מַעֲשָׂיו הָרָעִים, אַף־עַל־פִּי־כֵן יָכוֹל לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ "בְּקַל עַל־יְדֵי לִמּוּד הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", כִּי הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה יוֹרֶדֶת אֲפִלּוּ לְמִי שֶׁהוּא בְּעִמְקֵי הַקְּלִפּוֹת, בִּשְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת, חַס וְשָׁלוֹם. וּמְעוֹרֶרֶת אוֹתוֹ וּמְקָרֶבֶת אוֹתוֹ לְהַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ", אפילו ווער עס איז אראפ געפאלן אין שאול תחתית חס ושלום און האט זיך דערווייטערט פונעם אייבערשטן דורך זיינע שלעכטע מעשים, קען ער דורך די תורה גרינג צוריק קומען צום אייבערשטן, ווייל די תורה וועקט אויף דעם מענטש ער זאל צוריק קומען צו די קדושה, "וְהַכְּלָל, שֶׁהַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה הִיא יוֹרֶדֶת אֲפִלּוּ בְּעִמְקֵי תְּהוֹם לְעוֹרֵר אֲפִלּוּ אֶת הַפָּחוּת שֶׁבַּפְּחוּתִים, לְהַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ. וְעַל־יְדֵי עֵסֶק הַתּוֹרָה - יְכוֹלִין לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ אֲפִלּוּ מִשְּׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת, חַס וְשָׁלוֹם", אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות כב.): 'אֵין דִּבְרֵי תּוֹרָה מְקַבְּלִין טֻמְאָה', וְעַל־כֵּן אֲפִלּוּ הַזָּבִין וְהַמְּצֹרָעִים וְכוּ' עוֹסְקִין בַּתּוֹרָה וְכוּ' - דאס קומט מרמז זיין אז אפילו די מענטשן וואס זענען נעבעך "בְּסִטְרָא דִּמְסָאֲבוּתָא", דארפן אויך לערנען תורה, "כִּי הַתּוֹרָה תְּקָרֵב גַּם אוֹתָם לְהַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ", ווייל די תורה וועט זיי אויך מקרב זיין צום אייבערשטן, אזוי ווי די תורה זאגט (דברים לא, יד־כא): "וְהִסְתַּרְתִּי פָנַי וְכוּ' וְעָנְתָה הַשִּׁירָה הַזֹּאת לְפָנָיו וְכוּ', כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי

זַרְעוֹ", אפילו ווען אידן זינדיגן חס ושלום און דורך זייערע עבירות ווערן זיי דערווייטערט פונעם אייבערשטן, עס ווערט אן הסתרת פנים חס ושלום, דאך וועלן זיי זיך צוריק קערן צום אייבערשטן דורך די הייליגע תורה, אזוי ווי עס שטייט "וְעָנְתָה הַשִּׁירָה הַזֹּאת וְכוּ' כִּי לֹא תִשָּׁכַח" וְכוּ'. עיין שם.

אין אנהייב וועסטו נישט האבן קיין געדולד צו זיצן אויף איין פלאץ מיט א משניות אדער גמרא וכו', ווייל ווען מען זינדיגט אין די עקעלדיגע עבירה פון פגם הברית רחמנא לצלן ווערט דער מענטש פול מיט נערוון, מען האט נישט קיין געדולד צו זיצן אויף איין פלאץ, אויך וועט דיר זיין שווער צו קאנצעטרירן דיין מח צו פארשטיין וואס דו לערנסט - דאך זאלסטו לערנען יעדן טאג די הייליגע תורה. זאג די ווערטער אפילו אן פארשטיין, אזוי ווי דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן עו): "אֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד, רַק הָאֲמִירָה לְבַד; לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין", מען דארף נישט פארשטיין ווען מען לערנט, מען דארף נאר זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה און צום סוף וועט מען פארשטיין; אזוי וועסטו זוכה זיין זיך אפצולאזן פון דיינע שלעכטע מעשים.

נעם אן די צוויי עצות פון רבי'ן; שריי צום אייבערשטן און לערן משניות וכו' וועסטו ארויס קריכן פון דיינע שלעכטע מעשים.

...

~~~~~~~~~~

**די גרויסקייט פון משניות. דארף מען משלים זיין די גמרא וואס מ'האט פארפאסט?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך דאנק דעם אייבערשטן אז איך בין זוכה צו זאגן יעדן טאג ח"י פרקים משניות, און כמעט יעדן טאג זאג איך אויך דעם דף גמרא.

מיין שאלה איז אין די טעג וואס איך פארפאס צו זאגן דעם דף, זאל איך משלים זיין דעם קומענדיגן טאג, אדער נישט.

יישר כח, משה יצחק

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת שלח, כ"ד סיון, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד משה יצחק נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.
~~~~~~~~~~

וואויל איז דיר אז דו ביסט זוכה צו לערנען יעדן טאג ח"י פרקים משניות; משניות וואשט אפ דעם מענטש פון אלע שלעכטס, און עס ברענגט א הייליגקייט אויפן מענטש.

ווען ר' נתן איז מקורב געווארן צום הייליגן רבי'ן האט אים דער רבי געהייסן ער זאל יעדן טאג זאגן ח"י פרקים משניות, און אזוי טוען מיר אלע "תלמידי היכל הקודש חסידי ברסלב"; מיר זאגן יעדן טאג ח"י פרקים משניות. און מוהרא"ש פלעגט זיך שטענדיג בארימען: "ווען מען זעט איינעם מיט א משניות'ל איז מען גלייך חושד אז ער דריידט זיך ביי מיר".

מוהרא"ש האט געמאכט א ניגון מיט אידישע גראמען אויף די גרויסקייט פון משניות:

כַּךְ וְכַךְ דָאס אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ, דֶער ס"מ קֶען שְׁפְּרִינְגֶען בִּיזְן דַאךְ.

וַוייל אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת זֵייעֶר אַסַאךְ,

גִיב אִיךְ פוּן אִיהְם אַ גְרוֹיסְן לַאךְ,

אִיךְ קוּק נִישְׁט וָואס יֶעדֶער טִיפֵּשׁ טוּט מִיט דִי הַאנְט אַ מַאךְ,

דָאס אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת אַסַאךְ.

וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט יֶענֶעם, וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט יֶענֶעם,

אִיךְ וַוייס אַז נָאר מִשְׁנַיוֹת וֶועל אִיךְ מִיט מִיר מִיטְנֶעמֶען.

אוּן דָאס וֶועט מִיךְ פוּן אַלֶעם בֵּייזְן בַּאשִׁיצְן,

אוּן אִין קֶבֶר וֶועלְן אַלֶע שְׁרָצִים, אוּן וֶועְרִים, אוּן אַלֶע מַלְאֲכֵי חַבָּלָה,

פוּן מִיר זִיךְ אַוֶועקְפִּיצְן.

אוּן כָאטְשׁ זֵיי וֶועלְן מִיט זֵייעֶרֶע בֵּייזֶע צֵיינֶער אוֹיף מִיר טוּעֶן קְרִיצְן,

אָבֶּער עֶס וֶועט זֵיי שׁוֹין גָארְנִישְׁט נוּצְן.

וָוארוּם דִי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט,

וֶועלְן מִיר פוּן זֵיי בַּאשִׁיצְן.

אוּן אִיךְ וֶועל וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אָפְּגֶעהִיטְן.

אוּן אִין גַן עֵדֶן וֶועל אִיךְ צוּזַאמֶען מִיט דִי צַדִיקִים זִיצְן.

מוהרא"ש האט געשריבן א בריוו פאר די ישיבה אז מיר זאלן דאס זינגען צוזאמען אלע בחורים, כדי מיר זאלן זיך איינ'חזר'ן וואס דער רבי וויל פון אונז און וואס ברסלב'ע

חסידות איז; מיר זאלן געדענקען אז קיינער וועט נישט העלפן דעם מענטש, נאר די פרקים משניות וואס ער לערנט יעדן טאג.

ועל כולם, וואויל איז דיר אז דו לערנסט יעדן טאג א בלאט גמרא; מוהרא״ש ברענגט אראפ פון דעם גרויסן גאון רבי שעפטיל, דער זון פונעם של״ה הקדוש זכותו יגן עלינו, וואס ער שרייבט אין זיין צוואה (בסוף ספר יש נוחלין) אז ״לערנען א בלאט גמרא יעדן טאג איז א חיוב, אזוי ווי מען דארף אנטון תפילין יעדן טאג״.

ווען א איד לערנט גמרא פארברענט ער זיין יצר הרע; דערפאר - זאגט מוהרא״ש - זעט מען אז דער יצר הרע וועט אלעס לאזן דעם מענטש טון, נאר נישט לערנען גמרא, פון דעם האט ער זייער מורא.

קוק נישט וואס איז געווען נעכטן; יעדן טאג איז א נייע טאג. אז דו וועסט אנהייבן מיט משלים זיין פון דיינע פריערדיגע טעג וכו׳ וועסטו דארפן משלים זיין פון ווען דו ביסט געבוירן און אויך פון די פריערדיגע גלגולים, לעב מיטן היינטיגן טאג - אזוי וועסטו מצליח זיין.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

**איז אמת די זאכן וואס מענטשן זאגן, אבער ס׳האט נישט קיין מקור?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך האב געוואלט פרעגן אויב ס'איז אמת די זאכן וואס מענטשן זאגן, ווי למשל אז אויב מען גייט אריבער איבער א מענטש, וועט ער אויפהערן צו וואקסן, און דאס גלייכן אזעלכע זאכן וואס מענטשן זאגן.

דארף מען זיך זארגן אויף די סארט זאכן?

יישר כח פאר אלעס, שמואל בער

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת שלח, כ״ה סיון, שנת תשע״ח לפ״ק

**לכבוד שמואל בער נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

עס זענען דא זאכן וואס האבן א מקור און ווידער זענען דא זאכן וואס האבן נישט קיין מקור, מיט דעם אלעם טאר מען נישט אפלאכן פון זאכן וואס מיר האבן מקבל פון
~~~~~~~~~~~

אונזערע עלטערן, אזוי ווי דער רשב"א זאגט (שאלות ותשובות הרשב"א, חלק א', סימן ט; שאלות ותשובות ארי' דבי עילאי, חלק יורה דעה, סימן יט): מען טאר נישט אוועק מאכן דאס וואס מיר האבן מקבל געווען פון אונזערע מאמעס און באבעס.

דער עיקר זאלסטו זיך צוגעוואוינען צו רעדן צום אייבערשטן אויף דיין מאמע לשון; פארצייל פארן אייבערשטן אלעס וואס גייט אריבער אויף דיר, און בפרט ווי שטארק דו ווילסט זיין אן ערליכער איד און עס גייט דיר אזוי שווער.

דער יצר הרע לאזט נישט אפ, ער קומט יעדן טאג מיט א נייע וועג, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (קדושין ל:): "בְּכָל יוֹם יִצְרוֹ שֶׁל אָדָם מִתְגַּבֵּר עָלָיו, וְאִלְמָלֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹזְרוֹ אֵינוֹ יָכוֹל לוֹ", דער יצר הרע קומט יעדן טאג פון דאסניי און וויל אויסרייסן דעם איד, אבער דער אייבערשטער היט אונז אפ פון אים; איז דאך מידה טובה מרובה, אז מיר דארפן זיך יעדן טאג באנייען פון פריש צוריק צו גיין צום אייבערשטן.

זע צו זאגן יעדן טאג אביסל תהילים; אין תהילים ליגן אלע ישועות.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~